

# תורת אביגדור

## פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## פרשת קדושים

# די "געוואלדיגע" קליינע מצוות

### פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים

כמר **אהרן יודא שלעזינגער** ני"ו

מיט ליבשאפט,

פון דיין טאטע

פרשת קדושים

# די "געוואלדיגע" קליינע מצוות

בתי' איז געזעצן ביים טיש פון דיינינג-רום, בלאזנדיג אויף איר היימארבעט בלעטער. ביים אנדערן זייט טיש איז יצחק געזעצן חזר'נדיג די גמרא וואס ער האט געלערנט אין חדר יענעם טאג, בשעת דער טאטע האט פארהערט שימי משניות בעל פה.

"בתי', איז אלעס אין ארדענונג מיט דיר?" האט די מאמע געפרעגט אריינקומענדיג אין דיינינג-רום.

"איך ווייס נישט," האט בתי' געענטפערט מיט די אויגן נאך אלץ איבער די בלעטער קעגן איר. "געווענדליך בין איך מצליח צו טרעפן דעם ריכטיגן ענטפער צו די פראגעס וואס לערערין שיינפעלד געבט צו ספעציעלע פונקטן, אבער יעצט בין איך געבליבן שטעקן ביי די קאמפליצירטע פראגע."

וואס איז די פראגע?" האט די מאמע זיך אינטערעסירט.

בתי' האט ארויפגעקוקט צו די מאמע. "די תורה זאגט אז אויב איינער עסט בלוט איז ער חייב כרת. דאס איז די ערגסטע שטראף אין די תורה. פארוואס קומט זיך אזא געפערליכער עונש נאר פארן עסן בלוט פון כשר'ע חיות?"

"הממם, ס'איז טאקע א שווערע שאלה," האט די מאמע זיך פארקלערט. "נאכטמאל איז גרייט. אפשר זאלן מיר עס איבערשמועסן בשעת'ן עסן?

די מאמע און בתי' האבן נאכגעפאלגט דעם טאטן מיט די אינגלעך צום קאך צו עסן דעם געשמאקן נאכטמאל וואס די מאמע האט צוגעגרייט, לאקשן מיט פלייש באליס. יעדער האט זיך אוועקגעזעצט, געמאכט ערליכע ברכות און געגעסן מיט אפעטיט.

"יישר כח פאר די פיינע עסן, מאמי," האט יצחק זיך באדאנקט ווען ער נעמט זיין טעלער צום קראן און וואשט עס אויס. "איך גיי יעצט אין ביהמ"ד צו לערנען מיט אברהמי. צום ווידערזען!"

אויך בתי' און שימי האבן זיך אויפגעשטעלט פון פלאץ, באדאנקט די מאמע'ן און האבן אנגעהויבן צו פארלאזן דעם טיש.

"בתי', שימי," האט די מאמע זיי צוריקגערופן, "איך מיין אז ענק האבן עפעס פארגעסן."



בתי׳ און שימי האבן זיך אנגעקוקט צעמישט. ׳וואס האבן זיי געקענט פארגעסן?׳ האבן זיי זיך געוואונדערט, ׳אפשר וועט די מאמע סערווירן טשאקלאד אייז קרים פאר נאכשפייז?׳

דער טאטע און מאמע זענען נישט געווען צופרידן פון די קינדער׳ס אומפארשטענדליכע בליקן. ״ענק ווייסן טאקע נישט וואס ענק האבן פארגעסן?!״

״ניין...״ האט בתי׳ ארויסגעשטאמלט.

ס׳האט נישט אויסגעזען ווי מען פלאנט דא צו סערווירן א געשמאקע זאך. עס האט זיך ענדערש געשפירט ווי עפעס אומאנגענעם קומט דא פאר.

״קוקטס ענק אום אויפן טיש,״ האט דער טאטע זיי געוויזן, ״ענק זעען די איבערקערעניש וואס ענק האבן דא איבערגעלאזט? ענק זענען שוין גרויסע קינדער. ענק וואלטן שוין געדארפט פארשטיין אז מען לויפט נישט אוועק פון טיש איבערלאזנדיג שמוציגע טעלערס פאר די מאמע צו אויסוואשן.״

״זיי מיך מוחל,״ האט בתי׳ געמורמלט ווען זי מיט שימי לויפן פלינק צו נעמען די טעלערס צום סינק אויסצוואשן.

״ישר כח, קינדער,״ האט די מאמע רעאגירט, ״איך וואונדער מיך אויף ענק, פאר אזעלכע וואוילע קינדער וואלט נישט געפאסט אזאנס. ענק פארגעסן נאכאלץ אראפצורוימען פון טיש?״

שימי האט ארפגעלאזט די אויגן. ״איך בעט דיך איבער, מאמי. פון היינט מאל אן וועל איך בלי נדר מאכן זיכער צו זיין מער געווארנט.״

נאך א מינוט האט בתי׳ זיך אנגערופן, ״אבער איך האב א שאלה, קען איך פרעגן?״

״פרעג,״ האט די מאמע געענטפערט.

״איך פארשטיי אז מען דארף טאקע אראפרוימען פון טיש און ס׳איז זייער וויכטיג דאס צו געדענקען, אבער פארוואס איז דאס אזא גרויסע עוולה? וואס איז שוין די גרויסע זאך פון נישט אוועקטראגן איין טעלער צום סינק?״.

״דאס איז טאקע די זאך. אויב ס׳איז טאקע אזוי גרינג, וואס האלט דיך צוריק פון עס טון?״

פלוצלינג האט עפעס אויפגעבליצט אין בתי׳ס מח. ״איין מינוט! איך מיין אז דאס איז טאקע די ענטפער צו די לערערין׳ס פראגע! ווייל ווער וויל עסן בלוט? איך קען מיך פארשטעלן אז ס׳איז גרויליג - איך קען נישט גלייבן אז ס׳האט א גוטע טעם. און אויב איינער קען זיך נישט צוריקהאלטן פון אזא גרינגע מצוה ווי נישט עסן בלוט - קען זיין אז דערפאר געבט אים די תורה אזא הארבע שטראף - ווייל ס׳איז נישטא קיין שום סיבה פארן נישט איינהאלטן אזא גרינגע מצוה ווי דעם.״

״דאס איז א געוואלדיגע ענטפער!״ האט דער טאטע אויסגערופן. ״און דו וועסט נישט גלייבן אבער דאס איז פונקט וואס הגה״צ רבי אביגדור מילער ז״ל זאגט איבער דעם איסור פון עסן בלוט! דערפאר וואס עס איז אזוי גרינג זיך איינצוהאלטן דערפון איז דער עונש אזוי הארב. דעריבער דארפן מיר זיין עקסטער געווארנט נישט צו טון עפעס וואס איז נישט אויסגעהאלטן, איבערהויפט אויב דאס איז א גרינגע זאך אויסצופירן. דאס זעלבע איז מיט מצוות וואס זענען ממש גרינג צו מקיים זיין. פארוואס זאלסטו וועלן פארפאסן די געלעגנהייט פון באקומען שכר ווען ס׳נעמט אזוי ווייניג אנשטרענגונג?

בתי׳ האט געשטראלט. ״יישר כח טאטי און מאמי פארן מיך לערנען אזא וויכטיגע לימוד. איך וועל, מיטן אייבירשטנ׳ס הילף, מאכן זיכער צו האלטן מיינע אויגן אפן צו די קליינע מצוות וואס איך קען בטעות פארזען.״

בתי׳ האט זיך אפגעשטעלט און צוריקגעגאנגען צום טיש. זי האט אראפגענומען די ליידיגע שיסל און וואסער באטל און זיי געלייגט אויפן קאנטער, איבערגליקליך ארייצוכאפן נאך א ״גרינגע״ מצוה!



**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה״ג ר׳ משה בערגמאן שליט״א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**